# וויאזוי צו נעמען Doxy PEP

נעמען Doxy PEP (די אנטיביאטיק דאקסיציקלאן) נאך געשלעכטליכע באציאונגען אן א קאנדאם - מינדליכע, אנאל, אדער וועדזשינעל געשלעכטליכע באציאונגען ווען א קאנדאם ווערט נישט גענוצט די גאנצע צייט - נידערט אייערע שאנסן פון באקומען סיפיליס, גענאריע און קלימידיע.

**Doxy PEP ארבעט דאס בעסטע ווען גענומען ביז 24 שעה נאכן האבן געשלעכטליכע באציאונגען אן א קאנדאם.**

## געשלעכטליכע באציאונגען טעגליך (אדער מער)

נעמט צוויי 100 מיליגראם (mg) פילן פון דאקסיציקלאן ביז 24 שעה (אדער נישט שפעטער ווי 72 שעה) נאך געשלעכטליכע באציאונגען אן א קאנדאם.

נעמט דאקסיציקלאן אזוי אפט ווי יעדן טאג ווען איר האט געשלעכטליכע באציאונגען אן א קאנדאם אבער **נעמט נישט מער ווי 200 מיליגראם (צוויי 100 מיליגראם פילן) אין א 24-שעה צייט אפשניט.**

נעמט די לעצטע דאזע כאטש 24 נאך די ערשטע און ביז 72 שעה פון די לעצטע מאל וואס איר האט געהאט געשלעכטליכע באציאונגען אן א קאנדאם.




פאר אפ-טו-דעיט אינפארמאציע וועגן ניו יארק סיטי סעקשועל העלט קליניק סערוויסעס, ארט און שעות, סקענט די QR קאוד, רופט **311**, סקענט די QR קאוד אדער באזוכט **nyc.gov/health/sexualhealthclinics**. צו מאכן אן עקספרעס קליניק אפוינטמענט פאר STI שנעלע טעסטינג, באזוכט **bit.ly/sti-scheduling**. פאר טעלעמעדיצין סערוויסעס פארבינדן מיט HIV, STI, שוואנגערשאפט פארמיידונג, און מעדיצין אבארשן, רופט די ניו יארק סיטי סעקשועל העלט קליניק האטליין אויף 347-396-7959, מאנטאג ביז פרייטאג, 9 אינדערפרי ביז 3:30 נאכמיטאג.

אדאפטירט מיט רשות פון די סאן פראנציסקא דעפארטמענט פון פאבליק געזונטהייט

NYC Health

12.23 Yiddish